# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ואתחנן
שנה ב'




## השראת השכינה

אין די וואכעדיגע פרשה זעט מען ווי משה רבינו האט זיך איינגעבעטן ביים אויבערשטן אז ער זאל נאכנישט נפטר ווערן, און ער זאל דערלעבן דאס אריינגיין אין ארץ ישראל מיט די אידן.

מען וואלט געקענט מיינען אז ווען א צדיק הערט אזא בשורה וועט ער עס אנעמען מיט פארשטענדעניש, נאך אלעס האט ער גענוג סיבות צו זיין רוהיג; אלעס איז אין די הענט פונעם אויבערשטן, און אז הקדוש ברוך הוא נעמט אים אוועק פון דער וועלט איז עס גוט פאר אים, די אנדערע וועלט איז אסאך בעסער. א צדיק ווייסט דאך אז ער גייט פון איין וועלט צו די אנדערע וואס איז כולו טוב.

אבער די אלע אויפווייזונגען האט נישט געארבעט פאר משה רבינו. ער האט פארגעשטעלט די גרעסטע פראטעסט וואס א מענטש האט נאר אמאל געמאכט שטייענדיג אויפן שוועל פון טויט. ער האט זיך געבעטן, איינגעריסן, מתפלל געווען טעג און טעג מיט טיפע תפילות וואס איז נישט שייך אפצושאצן. ווי עס שטייט, 'עד שנזדעזעו שמים וארץ וסדרי בראשית', וואס דאס מיינט בין איך נישט בכח צו מסביר זיין, אבער מיר קענען פארשטיין דערפון אז ער האט איינגעריסן הימלען.

**שטארבן איז נישט אזא שלעכטע זאך**

**מיר** דארפן פארשטיין פארוואס משה רבינו איז געווען אזוי היסטעריש, נאך אלעמען איז שטארבן נישט אזא געפערליכע זאך. משה רבינו וואלט דאך ממילא נישט געלעבט פאר אייביג, ער איז שוין דאן געווען הונדערט און צוואנציג יאר, און ער האט אויפגעטון אין זיין לעבן מער ווי סיי וועמען. ער האט דאך געוואוסט אז השי"ת ווארט אים אפ דארט מיט א פארציע עולם הבא, פארוואס איז ער געווען אזוי דערשראקן פון דעם? לכאורה האט ער שוין געווארט אויף דעם, וואס איז געווען די שטארקע ווידערשטאנד וואס משה רבינו האט פארגעשטעלט.

דער ענטפער צו דעם איז: פערציג יאר האט עם ישראל זיך געקלאמערט ארום משה רבינו, זייער פאסטוך, ער האט געהאט אלע געלעגנהייטן צו פארעמען דאס נייע פאלק, דאס עם ישראל לויט די רצון פונעם אויבערשטן. פאר פערציג יאר האט משה רבינו איינגעפרעדיגט אין די אידן שאיפות צו מצוות ומעשים טובים וואס ער האט געהערט פון השי"ת ביים הר סיני. און ער האט גוט אויסגענוצט די צייט, די פערציג יאר אין מדבר איז געווען א גוטע געלעגנהייט אויפצוטון פאר כלל ישראל מער ווי סיי וועמען.

**מיט עם ישראל**

**יעצט** איז ער געשטאנען ביים שוועל פון ארץ ישראל. מען האט זיך געגרייט אריינצוגיין צום קומענדיגן שטאפל פון שטייגן און וואקסן. ס'איז געווען א געלעגנהייט וואס וועט

קיינמאל נישט צוריק קומען. משה רבינו האט געהאט עם ישראל אויף זיינע פלייצעס, זיי זענען געווען אין די בעסטע פאזיציע וואס קען נאר זיין. משה רבינו האט געוואוסט אז ער קען זיי אריינגעמען צו די נייע לאנד און זיי דארט סעטלען לויט די פארשריפטן פון די תורה. ביז יעצט זענען זיי געווען אן קיין אייגענע לאנד, יעצט וועלן זיי זיך איינקוואטירן אין זייער אייגענע לאנד. און משה רבינו וואלט זיי אריינגענומען וואלט ער גורם געווען אז זיי זאלן בלייבן פערפעקט פאר שטענדיג.

חכמינו ז"ל זאגן אז אויב משה רבינו וואלט אריבער דעם ירדן צוזאמען מיט די אידן קיין ארץ ישראל, דאן וואלט מען ווען קיינמאל נישט אריין אין גלות. עס וואלט נישט געווען קיין גלות ביי אידן, נישט קיין חורבן בית המקדש, און אוודאי נישט קיין תשעה באב! דאס מיינט אז משה רבינו וואלט ווען מסדר געווען עם ישראל אויף אזעלכע שטארקע יסודות אז מיר וואלטן ווען קיינמאל נישט אונטערגעגאנגען.

דערפאר האט ער אזוי שטארק נישט געוואלט זיך אונטערגעבן, ער האט געבעטן און איינגעריסן לאנגע טעג אן קיין סוף, ווי עס שטייט אין מדרש: 'ומנין שהתפלל משה באותו הפרק חמש מאות וחמשה עשר פעמים'. (מדרש רבה, פ' ברכה פי"א).

משה רבינו האט גע'טענה'ט צום אויבערשטן: "די קומענדיגע וועלט איז גוט, אבער לאז עס ווארטן, לעת עתה האב איך א געלעגנהייט וואס איך וועל מער קיינמאל נישט האבן".

## א קעניג איבער א פאלק

**די** מאקסימום צו וואס א מענטש קען דערגרייכן איז ווען ער ווערט א קעניג. ווען איינער ווערט א קעניג איבער דאס אידישן פאלק האט ער א ריזיגע תפקיד פאר אים.

אין די אמאליגע גוטע צייטן, ווען ס'איז געווען קעניגן איבער די אידן, האבן זיי געטראגן א געוואלדיגע גבורות, און זענען געווען בכח צו פירן דאס פאלק אזויווי זיי האבן באגערט. משה רבינו האט געהאט די אויסטערלישע כח צו אויסאיידלען עם ישראל אויף א גרויסן פארנעם. יעצט פארשטייען מיר שוין פארוואס ער האט זיך אזוי געבעטן צו אריינגיין קיין ארץ ישראל און ממשיך צו זיין אלס קעניג איבער די אידן, ווייל ער האט געוואלט פארעמען די אידן אלס עובדי השם.

איך בין נישט געקומען דא היינט נאכט ענק צו מאכן מיואש, אבער איך מוז ענק זאגן אז רוב פון ענק דא וועלן ווארשיינליך קיינמאל נישט ווערן א קעניג אדער א פרעזידענט אין ענקער לעבן... אבער דאך האבן ענק אלע א געלעגנהייט וואס שטייט פאר ענק, צו איבערלאזן א השפעה אויף מענטשן וואס וועט זיי מאכן שטייגן צו העכערע מדריגות.

די לעקציע פון תפילה וואס משה רבינו האט פארגעשטעלט איז אויך דא נוגע פאר אונז, אויך מיר - וואס וועלן ווארשיינליך קיינמאל נישט זיין א פירער איבער פעלקער - קענען דערגרייכן א מעין וואס משה רבינו האט דערגרייכט, ווען ער האט זיך געבעטן אזויפיל טעג נאכאנאנד צו קענען ממשיך זיין ווייטער וואס ער האט שוין דערגרייכט.

## עלטערן פארעמען זייער פאלק

**וואו?** וואו קענען זיי דאס דערגרייכן?! דער תשובה איז אז אין אייער היים זענט איר דער קעניג. אין אייער פאלאץ זענט איר דער קייסער אזויווי משה רבינו, איר האט א געוואלדיגע כח, און די פרויען זאלן נישט נעמען לייכט די ווערטער, ווייל איר זענט די קעניגן פון אט די גרויסע מלוכה וואס רופט זיך 'היים'!

לייגט גוט צו קאפ צו וואס איך זאג ענק: ווי אזוי איר פירט זיך אויף אין אייער קליינע דירה'לע וועט זיין גערעכנט ווי איר וואלט דערגרייכט מהודו ועד כוש, א גרויסע אימפעריע פון שטעט און לענדער.

און אויב ח"ו פארקערט - איז דאס א קאטאסטראפע. אין מסכת גיטין זאגט דארט די גמרא: 'המטיל

אימה יתירה בתוך ביתו, כאילו הפיל רבבות מישראל׳, איז שווער צו פארשטיין, ווייל ער איז א טיראן אין זיין הויז איז דאס אזוי הארב ווי ער וואלט ווען גע׳הרג׳עט טויזנטער אידן?

אין אייער קליינע שטוב, אויב איר זענט זוכה איז דאס באזעצט מיט צען מענטשן אדער אפשר מער, ס׳איז נישט אזוי סאך, ס׳איז זיכער נישט אן אימפעריע, אבער אין די אויגן פון הקדוש ברוך הוא איז אלעס וואס קומט פאר צווישן די ווענט פון אייער שטוב אזוי וויכטיג ווי טויזנטער און טויזנטער איינצלהייטן.

דער אויבערשטער מעסט די טאטע מאמע אזוויי זיי וואלטן געווען א קעניג און קעניגן מיט געוואלדיגע כוחות צו פירן אן אימפעריע, ס׳איז אזוויי איר וואלט אריינגעברענגט א גאנצע פאלק אין ארץ ישראל, און זיי אוועקגעשטעלט לטובה.

די אויבנדערמאנטע טוט מסביר זיין א נקודה אין די פרשה וואס זעט אויס אומפארשטענדליך, מיר ווייסן אז ביי דער גרויסער מעמד פון מתן תורה ביי הר סיני זענען עם ישראל געווארן דערהויבן צו די העכסטע מדריגה וואס זיי האבן אמאל בייגעוואוינט, און דער אויבערשטער האט געוואלט אז יענע גרויסע מאמענט זאל בלייבן לנצח נצחים. דאס איז וואס ער האט געזאגט פאר משה רבינו: "מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי ולשמור את כל מצותי כל הימים", הלואי זאלן זייערע הערצער זיין אזוי, מיר צו פארכטן און צו אפהיטן אלע מיינע מצוות אלע טעג. (דברים כו, ה).

פארשטייט זיך אז דאס הייליג פאלק האט געוואלט בלייבן ביים ברעג פון הר סיני וואס זיי האבן געזען די שכינה אליין, דער פלאץ וואו זיי זענען ארויפגעברענגט געווארן אויף א מדריגה ווי קיינמאל פריער. און וואס איז די ערשטע זאך וואס זיי האבן געהערט פון הקדוש ברוך הוא נאך די געוואלדיגע איבערלעבעניש? "שובו לכם לאהליכם!" גייט אהיים צו אייערע געצעלטן.

געצעלטן? ווער דארף געצעלטן? מיר ווילן בלייבן דא מיט די שכינה אליינס? ווער וויל דען צוריקגיין צו די פשוט׳ע טאג טעגליכן לעבן נאך אזא געוואלדיגע מעמד? און אויב מיר וועלן גיין סיי וואו - וועט דאס זיין אין ביהמ"ד, מיר וועלן נעמען די תורה וואס מיר האבן נארוואס באקומען און ווערן פארנומען מיט דעם!

## מאכט אייערע געצעלטן חשוב

**אבער** השי"ת האט געהאט אנדערע פלענער פאר זיין פאלק. ׳גייט צוריק צו אייערע געצעלטן׳, האט ער זיי געזאגט, ווייל ס׳איז אייער היים, אייער אימפעריע. **ס׳איז א היים וואס ווערט געפירט לויט די השפעה וואס הר סיני האט איבערגעלאזט אויף עם ישראל. אויב א אידישע משפחה נעמט די תורה׳דיגע השקפות פון הר סיני און בויעט מיט דעם זייער שטוב איז דאס די גרעסטע סוקסעס אין לעבן צו וואס א איד קען דערגרייכן!**

## דאס לעבן אין פאלאץ ביי די אימפעריע

**רב** חנא בר חנילאי איז געווען א סימבאל ווי אזוי צו פארוואנדלען זיין שטוב צו אן אימפעריע פון חסד. רב חנא איז געווען א תלמיד חכם וואס האט געלעבט אין די צייטן פון רב הונא. ער האט אויפגענומען אין זיין שטוב זעכציג בעקערס וואס זאלן באקן ברויט פאר ארעמעלייט. א גאנצן טאג זענען די בעקערס געשטאנען איבערגעבויגן איבער׳ן אויוון אין זיין הויז באקנדיג ברויט. און ביינאכט ווען די זעכציג בעקערס האבן געענדיגט זייער ארבעט, האט ער אריינגעברענגט נאך זעכציג בעקערס וואס האבן געבאקן א גאנצע נאכט ברויט. דאס איז געווען די הויז וואס רב חנא האט זיך אויפגעשטעלט.

די גמרא זאגט אונז (ברכות נח ע"ב), אז א גאנצן טאג איז ער געזעצן און געלערנט אין זיין הויז. און בשעת ער איז געזעצן צווישן די בעקער׳ס לערנענדיג תורה, האט ער געהאלטן אין זיין האנט א בערזל, כדי אז ווען איינער וועט קומען בעטן א נדבה, זאל ער נישט דארפן זוכן און נישטערן זיין געלט, נאר ער זאל

דאס שווין האבן גרייט נעבן זיך, כדי אז דער ארעמאן זאל נישט דארפן שטיין פארשעמטערהייט ביז ער קראצט אפיר דאס געלט. און בייניאכט פלעגט ער ארויסלייגן זעק מיט ווייץ אינדרויסן פון זיין הויז פאר די מענטשן וואס שעמען זיך אריינצוקומען צו זיין שטוב.

די איינציגסטע שאלה איז: "וואו איז די משפחה געשלאפן?" זעכציג בעקערס נעמען אויף אסאך פלאץ... און זיי האבן נישט געבאקן אן קיין מכשירים און צוגעהערן. נאר ס׳איז געווען גרויסע אויוועגעס, נו, ס׳איז נישט אזוי בא׳טעמ׳ט צו שלאפן אין א בעקעריי. איך געדענק אלס קינד ווען איך האב אמאל באזוכט ביי א בעקעריי, אויף אלע זייטן זענען געווען אויוועגעס, מאשינעריי וואס האבן זיך כסדר געדרייט. ביי רב חנא איז דאס אלעס געווען אין זיין הויז.

זיין משפחה איז אנגעגאנגען מיט זייער טאג טעגליכן לעבן צווישן די בעקעריי. ער האט געלערנט און געגעבן צדקה פאר די עניים, און ער מיט זיין בני בית האבן אויפגעצויגן קינדער אין די פארנומענע אימפעריע. דאס איז געווען זייער לעבן, צווישן די הו הא האבן זיי געמאכט זייער שטוב גרויס.

זייער הויז איז נישט געווען בלויז א דאך מיט פיר ווענט, נאר ס׳איז געווען א הערליכע פאלאץ, וואס רב חנא מיט זיין בני בית האבן אויסגעפלאנט.

מען פארשטייט אז רב חנא האט נישט געבויעט זיין שטוב אליינס, ער האט געמוזט האבן זיין ווייב׳ס הסכמה, און אלע זיינע קינדער האבן געמוזט קאפערירן, ס׳איז נישט קיין שום שאלה. און צוזאמען האבן זיי געבויעט זייער בית המקדש. זיי האבן געבויעט א שטוב ווי הר סיני איז געווען רעאליטעט.

פאר אונז קען אויסזען אז צו בויען א שטוב מיט זעכציג בעקערס איז אוממעגליך, אבער אנצופילן די שטוב מיט הקדוש ברוך הוא דאס קען יעדער איינער.

## א בית נאמן בישראל

**ווען** מיר רעדן פון מאכן אונזערע געצעלטן אלס א תורה׳דיגע שטוב איז גוט ארומצורעדן מער און מער פרטים אז עס זאל נישט בלייבן קיין ליידיגע ווערטער. פארשטייט זיך אז ווען מען רעדט פון א תורה׳דיגע שטוב מיינט מען א פלאץ פון קיום המצוות. מען זאל אויסלערנען די קינדער אז אינדערהיים קען מען מקיים זיין מצוות גרינגער. ס׳איז נישט אז ס׳קען אמאל איינפאלן א געלעגנהייט צו טון א מצוה, נאר יעדע מינוט פון טאג איז דא גרייט מצוות צו קענען אויספירן. ס׳איז דא טויזנטער מצוות וואס מען קען מקיים זיין צווישן די פיר ווענט פון שטוב.

און טוטס נישט מצוות נאר האטס ליב מצוות!!! ווען מען גייט פארביי א מזוזה קוקט מען נישט אויף דעם נאר מען האט ליב די מזוזה. ס׳איז נישט גענוג צו קוקן, נאר צו געבן א קוש אויף דעם, איר זאלט שפירן אן אהבה צו מצות מזוזה, אייער שטוב זאל זיין א פלאץ וואו מען זאל קענען שטענדיג זאגן: "אשר קדשנו במצותיו וצונו" ווען איר וואשט זיך צו נטילת ידים, און איר מאכט די ברכה פון **אשר קדשנו** זאלט איר אינזין האבן אז השי"ת האט אונז באפוילן צו פאלגן די חכמים, און דורכדעם וועט איר מאכן אייער הויז קודש!

דאס איז וואס איר דארפט אריינפרעדיגן אין אייערע קינדער, אז א אידישע שטוב איז א מקום קדוש. זאגט זיי אז די זעלבע שכינה וואס איז אראפגעקומען ביים הר סיני, קומט אויך אראפ צו אונזער שטוב, ס׳איז נישט קיין משל נאר א רעאליטעט. ווי דען וועט די שכינה רוען אויב נישט אין א שטוב וואו מען דערמאנט כסדר זיין נאמען און מען דערמאנט די מצוות. "מילכיג... פליישיג... פארווע... כשרות... שבת... אלעס פון אונזער לעבן ווערט געטון לויט די הלכה. טאג טעגליך איז מען מקיים הונדערטער און הונדערטער פרטים פון מצוות.

ווען א קינד וויל עפעס עסן וועט ער פרעגן: "איך בין נאך פליישיג?" "אה יא, איך קען נאכנישט עסן אייז־קרעים." ער קוקט אויפן זייגער וואו ער האלט. א קליין קינד ווייסט וואס ער מעג און וואס ער

טאר נישט. וואו איז נאך דא אין דער וועלט ווי דאס אידישע פאלק. דאס איז וואס מיר ווארצלען איין אין די קינדער אין אונזער הייליגע געצעלט.

מען זאל מחנך זיין די קינדער אז געלט איז נישט א זאך וואס מען דארף ליב האבן. מען זאל זיי אויסלערנען ווי אזוי מען געבט אוועק געלט פאר א צווייטן. וועט איר זאגן: "דא איז אמעריקע! אין אמעריקע האט מען ליב געלט... ס'איז א מאני מעיקינג קאנטרי..." אבער אייער היים איז נישט אמעריקע! אייער היים איז אייער אימפעריע. איר זענט מחנך אייערע קינדער לויט די ריכטיגע השקפות. א קינד זאל זיך אויסלערנען זיך אפצושיידן פון א חלק פון זיין געלט צו געבן פאר צדקה. איר לערנט זיי אויס צו גלייבן אין עולם הבא מער ווי עולם הזה.

דערציילט פאר די קינדער אז ווען זיי געבן צדקה - געבן זיי נישט אוועק זייער געלט, נאר זיי לייגן דאס אוועק אין א סעיף וואו עס וועט זיין פארזיכערט. אין די באנק באקומט מען די גרעסטע פראצענטן פון די גאנצע וועלט. דאס איז די באנק פון עולם הבא. דאס איז דער אמת. יעדער וואס געבט צדקה גלייבט אין יענע וועלט. אויב איר געבט אביסל - דאן איז א סימן אז איר גלייבט אביסל, און אויב איר געבט אסאך - איז א סימן אז איר גלייבט אסאך אין עולם הבא און אייער היים ווערט אן עולם הבא'דיגע היים!

ס'איז דא אן א שיעור וואס מען קען ארומרעדן איבער די קדושה פון א אידישע שטוב וואס איז א פלאץ פון צו שטייגן. לערנט אויס אייערע קינדער צו רעדן שיין איינער צום אנדערן. מעודד ענוים ה', דער אויבערשטער האט ליב ווען מען איז מחזק איינער דעם צווייטן. צומאל קענען קינדער זיך טשעפען און ארומקריגן. לערנט אייערע קינדער צו זיין געווארנט פון הונאת דברים. די רייד וואס גייען ארויס פון זייער מויל זאל זיין אויסגערעכנט ווי עס דארף צו זיין.

פארשטייט זיך אז לימוד התורה איז פון די וויכטיגסטע זאכן פון א שטוב. עס זאל שטענדיג זיין ביי אייך אן אפענעם ספר דאס וועט מאכן אייער שטוב קודש. דער חפץ חיים האט געהאלטן דעם נושא אזוי וויכטיג, אז ער האט געשריבן א גאנצע ספר אויף דעם, "תורת הבית", די תורה וואס מען לערנט אינדערהיים. ווען די יונגלעך קומען אהיים ביינאכט פרעגט זיי אויס פון זייער טאג. רעדט צו זיי פון תורה'דיגע ענינים. מען קען זיך אראפזעצן איבער'חזר'ן וואס זיי האבן געלערנט. פארשטייט זיך אז דער טאטע דארף ווייזן א סימבאל ווי אזוי מען ניצט אויס די צייט פאר לימוד התורה.

## אייער שטוב וועט זיין אויף נצח נצחים.

**וואו** טרעפן מיר די לייסענס צו זאגן מיט א זיכערקייט אז מיר בויען א שטוב וואס וועט שטיין לעולם ועד? וואס זאגן די חז"ל אויף דעם? לאמיר צוריקגיין צו די הויז פון רב חנא בר חנילאי. די גמרא דערציילט אונז דארט אז צוויי צדיקים זענען אריבער געגאנגען די איבערבלייבעניש פון אן אלטע אידישע הויז - און ווען זיי האבן דערגרייכט ביים זייט פון וועג האט זיך איינער פון די חכמים אריבערגעבויגן און ארויסגעלאזט א טיפע קרעכץ מיט ביטערניש: "אך, די הויז איז יעצט א חורבן".

"פארוואס זענט איר אזוי טרויעריג?" האט אים דער חבר געפרעגט.

"איר קענט זיך פארשטעלן ווענעמס הויז דאס איז אמאל געווען? דא האט געוואוינט רב חנא בר חנילאי, האט ער אים אויפגעקלערט. אין דעם הויז האבן מענטשן געלעבט נאר פארן אויבערשטן, מען האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פאר אנדערע, דאס איז געווען א שטוב פון חסד. און יעצט שטייט זי פוסט און וויסט". האט ער זיך צוקרעכצעט.

און וואס האט אים זיין חבר געענטפערט אים צו טרייסטן? 'עתיד הקדוש ברוך הוא להחזירן לנו', עס וועט קומען א טאג וואס דער אויבערשטער וועט צוריקגעבן די הויז.

מען מוז דאס פארשטיין. פונקט ווי א מענטש וואס שטארבט לייגט מען אריין זיין קערפער אין דער

ערד, און עס קוקט אויס ווי דער מענטש איז פארשוואונדן געווארן פאר א ווייל אבער אין אמת'ן, **ונאמן אתה להחיות מתים**, וועט קומען דער טאג וואס דער מענטש וועט זיין צוריק פלייש מיטביין, אזוי וועט דאס הויז אמאל צוריק אויפגעשטעלט ווערן. א הויז וואס איז קודש לה' וועט קיינמאל נישט אונטערגיין, קדושה איז נצח נצחים.

אונזערע געצעלטן זענען מער דויערהאפטיג ווי די שטערקסטע בנינים. **די וואלקן קראצערס זענען הבל וריק, די צייט וועט קומען ווען זיי וועלן ליגן פלאך אויף דער ערד אלס שטויב און ברוכווארג, אבער אייער היים וועט אייביג בלייבן**, יא ס'איז טאקע שווער צו גלייבן אבער דאס איז דעת תורה.

יעדע טאטע מאמע זאל זיך פרעגן: "וואספארא שטוב האבן מיר? טו איך אויספירן די פליכט אין מיין שטוב אויף וואס משה רבינו האט אזויפיל מתפלל געווען און איינגעריסן פאר אזויפיל טעג צו קענען דערגרייכן?"

דאס מערסטע וואס א מענטש קען דערגרייכן איז די געלעגנהייט אויף וואס משה רבינו האט אזוי געטרוימט. די ווענט פון אייער שטוב זאל עדות זאגן אויף גוטהארציגקייט, מענטשליכקייט, גוטע מידות, גוטע ווערטער, אהבת השם, פרייליכע שבחים מיט זמירות און דברי תורה, חסד, ישרות, אלעס וואס דער אויבערשטער פארלאנגט פון אונז.

מיר דארפן שטרעבן אויפצושטעלן א היים אזוויי השי"ת האט אונז פאראויסגעזאגט ביים הר סיני, "קערט אייך צוריק צו אייערע געצעלטן". און יעדע אידישע שטוב וואס ווערט געפירט דורך א קעניג און קעניגין וואס פארשטייען וואס איז זייער תפקיד און זייער אימפעריע וועט מצליח זיין אויפצובויען א בית נאמן בישראל, זיי וועלן אויפשטעלן א שטוב וואס וועט לעבן אייביג!


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**

שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

*ליינט די גליון יעדע*
*וואך אין די קונטרס*
*"גליונות לשב"ק",*



# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**וואס דארף זיין אונזער צוגאנג לגבי זיך אריבערציען קיין ארץ ישראל, דארפן מיר זיך גרייטן צו מאכן אן עליה?**

## תשובה:

**וואס** פרעגט איר? וואס זאל זיין אייער צוגאנג זיך צוגרייטן זיך אריבערצוציען קיין 'ארץ ישראל'? אדער 'איזריעל'? ס'איז דא א גרויסער חילוק.

**מיר** דארפן זיך גרייטן יעדן טאג ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט איר נישט האבן צופיל צייט צו מאכן הכנות. זייט וויסן אז דער **חפץ חיים** איז אלץ געווען פארנומען זיך צו גרייטן צום אנקום פון משיח, ער האט געשריבן ספרים אויף קדשים און עבודת בית המקדש און הלכות וואס וועט זיין שייך ביים בנין בית המקדש אז מיר זאלן וויסן וואס מיר האבן צו טון ווען מיר קומען אן דארט. די הכנות זענען זייער וויכטיג, און איר זאלט זיך כסדר גרייטן פאר דעם גרויסן טאג ווען משיח וועט קומען.

**יעצט** אויב טראכט איר אנצוקומען דארט פאר משיח'ס אנקום, דאן ווענד זיך אין אייערע אומשטענדן, אויב איר גייט דארטן ווייל איר ווילט א מער ערליכע סביבה וועלכע איז בעסער ווי אייער יעצטיגע סביבה, אדרבה פארוואס נישט? אבער אויב איר גייט קיין ארץ ישראל ווייל ס'איז איזראעל, דאן קענט איר שוין גיין קיין שיקאגא אנשטאט תל אביב. איר דארפט וויסן וואס איר ווילט, אז איר גייט צו א ערליכע פלאץ וואו איר וועט שטייגן דאן גייט געזונטערהייט, מאכט נאר זיכער אז איר האט א פרנסה.

### נדבת השבוע

**פרשת ואתחנן - נחמו**
**נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו**
**זכות הלימוד יעמוד להנדבן להתברך בכל מילי דמיטב**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"